אברהם פויגעל

# די פוילישע אפריל-קאנסטיטוציע.

## VIII. דאס געריכטס-וועזען

1.

צו דעצידירען אין א קאנקרעטען פאל וועגען א האנדלונג, צי זי איז אין הסכם אדער אין סתירה צום געזעץ, זענען בערופען בעזונדערע אוני-אבהענגיגע ארגאנען—די געריכטען.

פון דער דאזיגער קורצער פארמולירונג בלייבען נאך א גאנצע רייהע זאכען איבער נישט קלאר: האנדלונגען קענען זיין פערשידענע און געזעצען—פערשידענע. עס טארען די מעשים פון יחיד נישט זיין אין סתירה צו א וועלכער עס איז פעראָרדנונג, לאמיר זאגען, פון וואיעוואדע; עס טאר אבער די דאזיגע פ ע ר א ר ד נ ו נ ג ווידער נישט שטעהן אין געגענזאץ צו א געזעץ, וועלכעס איז אדורכגעגאנגען דורך דעם פארלאמענט, אדער ארויסגעגעבען געווארען אין פארם פון א פרעזידענטען-רעקרעט. צי ליגט אין דער קאמפעטענץ פון געריכט אויך די דאזיגע פראגע צו בעטראכטען?

מ'קען נאך ווייטער געהן. געזעצען זענען אויך נאכנישט דאס העכסטע אין א מלוכה-ארדנונג. זיי האבען נאך איבער זיך ק א נ ס ט י ט ו צ י א נ ע ל ע ג ע ז ע צ ע ן, וועלכע זענען העכער מיט דער ראנג און דארפען דורך די ערשטע נישט איבערגעשריטען ווערען. צי קענען געריכטען אויך אין ד י ענינים דעצידירען? קאנקרעטער: צי קענען זיי אורטיילען אויך וועגען דער האנדלונג פון פארלאמענט (צי פון פרעזידענט) צי זי איז א געזעצליכע?

די אנגלא-זאקסישע קאנצעפציע פון געריכטס וועזען ענטפערט פ א ז י ט י וו אויף די אלע געשטעלטע פראגען. די געריכטען זענען דארט בכח אבצוואר-פען יעדע פעראָרדנונג און יעדעס געזעץ, אויב ס'איז געגען די בעשטימונגען פון א העכערער נארמע. לעצטענס, למשל, האט געפונען א ברייטען אבקלאנג די דעציזיע פון אמעריקאנער העכסטען געריכט, וועלכע האט אבגעשאפען א רייהע ווירטשאפטליכע דעקרעטען פון פרעזידענט רוזוועלט אלס אזעלכע, וואס שטעהען אין געגענזאץ צי דער קאנסטיטוציע. דאביי איז צו בעמערקען, או אזא בעשלוס מוז נישט ערשט קומען פון העכסטען געריכט, נור עס קען איהם ארויסגעבען דער נידריגסטער ריכטער אין א פערווארפען פראווינץ-שטעדטעל.

א רייהע לענדער האט אבער די פאר די פראגען איינגעארדענט ספעציעלע געריכטען. א מוסטער האט בעוויזען נאפאלעאן דער ערשטער, וועלכער האט איינגעפיהרט אין פראנקרייך בעזונדערע אדמיניסטראטיווע געריכטען. צו זיי האבען די בירגער געקענט פערקלאגען פעראָרדנונגען, וועלכע זענען לויט זייער מיינונג נישט געוועזען געזעצליך. לויט'ן דאזיגען סיסטעם האבען זיך איינגעארדענט פיעל אייראפעאישע לענדער.

די דאזיגע אינסטיטוציע האט אבער נאר רעגולירט דאס פראבלעם פון נ י ש ט - ג ע ז ע צ ל י כ ע פ ע ר א ר ד נ ו נ ג ע ן; דאגעגען האט זי נישט געארדענט די א נ ט י - ק א נ ס ט י ט ו צ י א נ ע ל ע ג ע ז ע צ ע ן. כדי צו בעהאנדלען די דאזיגע ענינים פערמאגען א רייהע לענדער ווי עסטרייך, טשעכאסלאוואקיי א. אנ. א ספעציעלען קאנסטיטוציאנעלען טריבונאל, וועלכער האט דאס א ו י ס ש ל י ס ל י כ ע רעכט זיי צו בעטראכטען. א געוועהנליך געריכט אלזא, פאר וועמען אזא פסול געזעץ שווימט ארויס, מוז עס איבערשיקען דעם ספעציעלען טריבונאל.

פוילען האט די דאזיגע פראגען גאנץ אייגענארטיג רעגולירט. יעדעס געריכט קען דא אנערקענען פעראָרדנונגען אלס נישט-געזעצליכע, אויב דער ענין קומט קאפויער ביי א געוועהנליכער געריכטס-פערהאנדלונג. ספעציעל צו פערקלאגען אזעלכע פעראָרדנונגען איז געשאפען געווארען אן אדמיניסטראטיווער טריבונאל, וועמענס אורטייל עס איז בינדענד פאר די צדדים. די יעצטיגע קאנסטיטוציע סאנקציאנירט דאביי דעם עגזיסטירענדען זאכבעשטאנד, און זעהט נישט פאר קיין פ ע ר צ ו וו י י ג ט אדמיניסטראטיוו געריכטס וועזען, נאר בלויז דעם העכסטען טריבונאל. דאס איז אביסעל צו ווייניג אויף אזא גרויסע מלוכה ווי פוילען. אין דער פראקטיק איז טאקע דער העכסטער אדמיניסטראטיווער טריבונאל שטארק היגטערשטעליג מיט'ן בעהאנדלען די אנקלאגעס; זיי ליגען ביי איהם אן צו עטליכע יאהר.

די פוילישע קאנסטיטוציע זעהט אבער נישט פאר קיין ספעציעל קאנסטיטוציאנעל געריכטס-וועזען, און פון דער צווייטער זייט האט זי פערוועהרט די געוועהנליכע געריכטען דאס אונטערזוכען די גילטיגקייט פון געזעצען, וועלכע זענען געווארען געהעריג פערעפענטליכט. אין רעזולטאט פון אזעלכע בעשטימונגען בלייבט די קאנסטיטוציע אהן שום אפוטרופס, א חוץ אפשר דעם פרעזידענט.

דאס דאזיגע שאפט א פאראדאקסאלע לאגע. בעת דעם לעצטענס בעטראכטעטען, טרויעריג בעריהמטען שחיטה-פראיעקט זענען פון דער יודישער זייט אפירגעהויבען געווארען פארוואורפען, אז דאס געזעץ שטעהט אין סתירה צו געוויסע בעשטימונגען פון דער קאנסטיטוציע. אבסטראהירענדיג פון דער מעריטאָרישער זייט פון דעם ענין איז אינטערעסאנט אנצוווייזען, אז ווען דאס געזעץ וואלט אנגענומען געווארען, וואלט פשוט נישט געווען צו וועמען זיך צו ווענדען אין דער דאזיגער אנגעלעגנהייט! קיין שום געריכטס אינסטאנץ וואלט אזא אנקלאגע נישט בעטראכט, ווייל זי וואלט נישט געווען קאמפעטענט.

# די לאגע פון די יודען אין די סקאנדינאווישע לענדער.

די עקאנאמישע לאגע פון די יודען אין די פיער נארדישע לענדער, שוועדען, נארוועגיען, דענעמארק און פינלאנד, איז לעצטענס א פערהעלטניסמעסיג גוטע. די דאזיגע לענדער מאכען איצט דורך א צייט פון ווירטשאפטליכען אויפבליה און א חוץ דענמארק איז די ארבייטסלאזיגקייט כמעט ווי פערשוואונדען.

אמת, די יודען געניסען נישט אין פולען מאס פון דעם וואוילשטאנד ווי אנדערע טיילען פון דער בעפעלקערונג, ווייל זיי זענען אין דער גרויס-אינדוסטריע און אינ'ם עקספארט נישט פערטרעטען, עס איז אבער דאך אויך און זייער עקאנאמישער לאגע איינגעטרעטען א געוויסע בעסערונג.

די יודען מאכען אויס אין די דערמאנטע לענדער בלויז איין פראמיל פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג, סך הכל 15.000 יודען אויף א בעפעלקערונג פון 15 מיליאן.

אין שוועדען און דענעמארק פערנעמען די יודען א זעהר אנגעזעהענעם פלאץ אין די פרייע בערופען, אין דער ליטעראטור, קונסט און וויסענשאפט. דאגעגען אין נארוועגיען און פינלאנד, וואו די יודען האבען הויפטזעכליך ערשט אין די לעצטע הונדערט יאהר איינגעוואנדערט, האבען זיי ווייניג צוטריט צו די פרייע בערופען און בעשעפטיגען זיך כמעט אויסשליסליך מיט האנדעל.

אבער טראץ דער קליינער צאהל פון יודען און די ליבעראלע רעגירונגען, איז דער געזעלשאפטליכער אנטיסעמיטיזם לעצטענס גענוג שטארק.

א'ן אלע נארדישע לענדער זענען פערהאן נאצי-פארטייען, און הגם זיי בעשטעהען פון קליינע גרופען, ענטוויקלען זיי אבער א אקטיווע און טומעלדיגע אנטי-יודישע אגיטאציע, דערביי ווערען אלע רכילות-מעטאדען געגען יודען גענוי אבקאפירט פון נאצי-לאנד און ווערען פון דייטשלאנד אונטערשטיצט.

אין די נארדישע הויפט-שטעדט טרעפט מען אפט אויף די הויפט-גאסען גרויסע פלאקאטען פון די נאצי צייטונגען, וואס ענטהאלטען די ערגסטע בעליידיגונגען און בלבולים געגען יודען.

די אנטיסעמיטישע שטימונג בעווייזט זיך לעצטענס ביי פערשידענע געלעגענהייטען, און מאנכע מאל מוזען זיך אפילו די רעגירונגען דערמיט רעכענען. דאס האט זיך בולט געלאזט מערקען אין דער פראגע פון די יודישע עמיגראנטען פון דייטשלאנד.

נארוועגיען און פינלאנד האבען בכלל כמעט קיין איינציגען יידישען עמיגראנט נישט אריינגעלאזען. אין שוועדען און דענעמארק זענען פערהאן א פאר הונדערט יודישע עמיגראנטען, אבער אויך געגען דער קלייגער צאהל געהט אן א כסדר'דיגע אגיטאציע, אז זיי נעמען צו די פרנסות פון די ארטיגע איינוואוינער. איג'ם דענישען פארלאמענט האט די רעגירונג ערקלערט, אז זי וועט נאך מעהר שווערער מאכען די פארשריפטען בנוגע עמיגראנטען פון דייטשלאנד. אויך אין שוועדען פיהרען די צייטונגען און פאך-פעראייניגונגען א שטארקע אגיטאציע געגען די יודישע עמיגראנטען. אזוי האבען די שוועדישע דאקטוירים געמאכט א גרויסען טומעל געגען דעם בעקאנטען יודישען פראפעסאר צאנדעק, ווייל מען האט איהם ערלויבט צו פראקטיצירען אין שטאקהאלם, און ער האט דעריבער געמוזט פערלאזען שוועדען און ער האט זיך בעזעצט אין ירושלים.

אויך אויפ'ן קולטורעלען געביעט לאזט זיך מערקען דער אנטי-יודישער איינפלוס פון דייטשלאנד.

אין שוועדען איז דער גרעסטער ביכער און צייטונגס-פערלאג געגרינדעט געווארען פון דער יודישער פאמיליע באנגיער. דער פערלאג האט זעהר פיעל-געלייסטעט פאר דער ענטוויקלונג פון דער שוועדישער ליטעראטור. די ווערק פון די בעסטע שריפטשטעלער און די פיינסטע זשורנאלען אין שוועדען ערשיינען אין דעם פערלאג. דער פערלאג באנגיעד מיידעט אויס יעדע בעציהונג מיט יודישע ליטעראטור און קולטור, אלע זשורנאלען און ליטעראַרישע אונטערנעהמונגען ווערען אנגעפיהרט פון נישט-יודישע ליטעראטען.

טראצדעם ווערט זייט א צייט געפיהרט א גרויסע העצע אין די טאגצייטונגען געגען דעם פערלאג וואס „פעריודישט" די שוועדישע ליטעראטור און ס'ווערט פראפאגירט א באיקאט געגען די באנגיערס. עס ווערען געגרינדעט נייע פערלאגען מיט דער כונה צו בעקעמפען דעם „יודישען" פערלאג.

אין אסלא, נארוועגיען, האט מען לעצטענס אויסגעפיהרט אין מלוכה טעאטער די דראמע „דר. מאנהיימער" פון דעם יודיש-דייטשען שריפטשטעלער טעאדאר וואלף, וואס שילדערט די פערפאלגונגען פון יודישע געלערנטע אין דייטשלאנד. דאס טעאטער איז בעזעצט געווארען פון נארוועגישע נאצי-אנהענגער, וואס האבען דורך דעמאנסטראציעס נישט צוגעלאזען צו דער אויפפיהרונג. אין נארוועגיען איז די יודישע שחיטה זייט איינינע יאהר פערבאטען. ווי בעקאנט, האט אויך די שוועדישע רעגירונג אריינגעבראכט אין פארלאמענט א פארשלאג די שחיטה צו פערבאטען, ווייל די פארטייען האבען די רעגירונג דערצו אויפגעפאדערט. פאר אייניגע חדשים האט אבער די רעגירונג ערקלערט, אז זי מוז אבלייגען דאס בעהאנדלען פון דער שחיטה-פראגע אויפ'ן קומענדיגען יאהר מיט דער בעגרינדונג, או דער פארלאמענט האט פיעל געארבייט און וועט נישט אומשטאנד זיין פריהער די פראגע צו ערלעדיגען. געגען דער ערקלערונג פון דער רעגירונג זענען ארויסגעטרעטען די אנגעזעהענסטע צייטונגען מיט שארפע אנגריפען געגען דער רעגירונג, פארוואס זי פערשלעפט די שחיטה-פראגע לטובה פון די יודען. אין שוועדישען פארלאמענט איז דא א גרויסע מערהייט פאר דעם שחיטה פערבאט און עס איז דא זעהר ווייניג האפנונג, אז די שחיטה-פראגע זאל ערלעדיגט ווערען לטובה פון די יודען.

דערפאר איז אבער צו מערקען א אקטיוויטעט אין אינערליכען יודישען לעבען. די צדקה-טעטיגקייט איז פון תמיד אוועקגעשטעלט אין די נארדישע יודישע געמיינדעס אויף א מוסטערהאפטען אופן. אין אלע קהלות זענען פערהאן יודישע יוגענדליכע-פעראיינען וואס פעראנשטאלטען פון צייט צו צייט יודישע רעפעראטען.

עס ערשיינען א רייהע יודישע מאנאט-שריפטען אין די לאנדעס-שפראכען ווי: „יוריסק פאמיליבלאד" אין קאפענהאגען, „התקוה" (נארוועגיש) אין אסלא און „התקוה" (שוועדיש) אין העלסינגפארס.

די גרויסע סכנה פאר דער דערהאלטונג פון די קליינע יודישע קבוצים אין סקאנדינאוויען זענען די געמישטע חתונות, וואס מאכען אויס פערזענליך מעהר ווי א העלפט פון אלע יודישע חתונות. אין פינלאנד קומען אויך פאר געמישטע חתונות, אבער אין א פיעל קלענערער מאס, ווי בכלל איז דאס יודישע לעבען אין פינלאנד פיעל אינטענסיווער און שטארקער. אייגס פון די הויפט-סיבות דערצו איז, וואס די יודישע ערציהונג איז נישט בעפרידיגט. עס זענען נישט פערהאן קיין יודישע שולען. עס עקזיסטירען נור רעליגיעזע אווענד-קורסען פאר די יודישע קינדער פון די אלגעמיינע מלוכה-שולען, וואס האבען א זעהר קליינעם יודישען לערן-פראגראם. פיעל קינדער בעזוכען אפילו נישט אט די אווענד קורסען. אנ'אויסנאהם איז העלסינגפארס, וואו ס'בעשטעהט א פאלקס און א מיטעל שולע, וואו יודישע למודים ווערען געלערנט אין א גענוגענדער מאס מיט העברעאיש אלס לערן-שפראך פאר אלע יודישע למודים און וואס ווערען בעזוכט פון כמעט אלע קינדער פון דער קהלה

## פאר וואס איז דאס אזוי?

עס איז אויסגעשלאסען, אז בעת א יודישען אבצייכנונגס-פערקויף זאל א נישט-יוד קויפען אנ'אבצייכנונג. עס איז שוין געקומען אזוי ווייט, אז די לעצטע יאהרען פרובירט מען אפילו נישט פארצולייגען א קריסט, אז ער זאל קויפען אנ'אבצייכנונג. דאגעגען, ווען עס קומט פאר א קריסטליכער אבצייכנונגס-טאג, געהען די פערקויפערס יא צו די יודען און די יודען קויפען טאקי. נאך בעסער, איך האב אבסערווירט בעת א צייכען-פערקויף פון א נישט-יודישער אינסטיטוציע, האבען קריסטען אבגעזאגט און יודען האבען יא געקויפט.

גאנץ אפט זעה איך די זעלבע סצענעס, און איך פרעג דעריבער: פאר וואס איז דאס אזוי?

כ'מיין נישט עמיצען צו קריטיקירען הס ושלום נאר גלאט אזוי בין איך נייגעריג צו וויסען: פאר וואס איז דאס אזוי?...

## אפשר, וואלט מען געקאנט זיך בייטען?

די „גאזעטא-נאראדאווא" בעוויינט מיט קראדאדיל-טרעהרען די ביטערע לאגע פון די קריסטליכע ארבייטער, וועלכע ווערען עקספלאאטירט דורך די יודישע פאבריקאנטען פון דער „מעטאלורגיע".

מילא, כ'רעד שוין נישט וועגען דעם, וואס די „גאזעטא-נאראדאווא", דער ארגאן פון דער שווארצער רעאקציע, פון דער גרויס-בורזשואזיע, איז פלוצים געווארען די אנגעמרין פון פראלעטאריאט. אויב מען דארף העצען געגען יודען, ווערט מען אזא מאלפע אויך. הלמאי, די ענדעקישע פראקציע אין שטאדט-ראט וויל פון צייט צו צייט ווערען די פערזארגערין פון די בע'עולה'טע פוילישע ארבייטער?!

נאר וועגען פאקט גופא לוינט זיך יא אבצושטעלען, און מיר האבען גלייכצייטיג פאר זיי א פראפאזיציע: אויב די ארבייטער פון דער „מעטאלורניע" איז טאקי אזוי שלעכט, אפשר וואלטען זיי זיך געוואלט מיט אונז בייטען. אדרבה, זאלען זיי דערלאזען, אז מען זאל אויף זייער ארט דארט בעשעפטיגען כאטש א צוויי הונדערט יודישע ארבייטער. אויב ס'איז אזוי ביטער, אויב מען ווערט אזוי שרעקליך עקספלאאטירט, קאנען זיי דאך אונז אויך פערגינען דעם ביטערען ביסען...

כ'לעבען, ס'וואלט גארנישט געשאט, אז זיי זאלען זיך מיט אונז בייטען, מיר וואלטען קיין טענות נישט געהאט...

## צוליעב אונזער שולד, נעביך...

ד"ר טארבעטשקא דערצעהלט מיר פאלגענדען פאקט:

יענע וואך האט מען איהם אלס דאקטאר פון דער קראנקען-קאסע ארויסגערופען צו א פאציענט, וועלכער איז דערשטאכען געווארען אין גאס.

בעת דער דאקטאר ט. איז געווען בעשעפטיגט ביים בעטראכטען די טיעפע וואונד פון חולה, האט ער זיך דערוואוסט, אז דאס איז ער בעפאלען געווארען אין גאס דורך כוליגאנעס, וועלכע האבען איהם אנגענומען פאר א יודען און אויב א יוד איז דאך א מצוה איהם אביסעל צו צושטעכען.

זיפצט דער צושטאכענער חולה און בעקלאגט זיין יודיש אויסזעהן, צוליעב וועלכען ער איז נעביך געפאלען א קרבן.

וואס מיינט איהר, איז נישט קיין רהמנות אויף אזא מענשעל? אט איז ער פון דער מעהרהייט, וועלכע פיהלט זיך זיכער און ציטערט נישט אזוי פאר'ן לעבען, ווי די פון דער מינדערהייט, און פלוצים, נעמט מען איהם אן פאר א יודען און מען איז איהם מבבד מיט אונזער כיבוד—מיט א מעסער אין דער זייט.

אויך זיי ליידען צוליב אונזער שולד, נעביך...

## עס איז ווערט פערצייכענט צו ווערען.

אין דער איצטיגער צייט פון האס און שנאה, ווען אפילו א קריסטליכער אויבסט-הענדלער הענגט אויף אויפ'ן סטראגאן „קריסטליך-אויבסט", איז ווערט צו פערצייכענען דעם פאלגענדען פאקט:

אין טשענסטאכאוו האבען זיך פעראייניגט אלע עלעקטראטעכניקער אין איין פערבאנד, געשאפען איין ביורא און בעהאנדלען אלע עלעקטריע-פערברויכער.

אין דעם דאזיגען פערבאנד געהערען 8 יודען און דריי קריסטען, און ווי מען גיט מיר איבער, לעבען זיי צווישען זיך זעהר גוט.

אמת, דאס איז א פריוואטע זאך. עס איז אנ'ענין פון פרנסה, היינטיגע צייטען אבער איז דאס, וואס קריסטען מיט יודען ארבייטען בשותפות, אויך ווערט פערצייכענט צו ווערען.

## נאך נישט אלץ איז פער'סם'ט.

אויפ'ן זאוואדזיער מארק איז פערגאנגענעם פרייטאג ארומגעגאנגען א קריסטין צוזאמען מיט א יודישער פרוי און געזאמעלט נדבות פאר אנ'ארימע יודישע פאמיליע. דערביי האט די קריסטען ארויסגעוויזען פיעל ענערגיע און האט טאקי געזאמעלט א געוויסע סומע.

אייגענטליך וואלט דער דאזיגער פאקט נישט געדארפט אזוי איבערראשען, ווארום, וואס אייגענטליך איז דא געשעהן, און וואס זשע איז, אויב איין מענש בעמיהט זיך פאר'ן אנדערען. די מעשה איז אבער, וואס אין דער איצטיגער צייט ווערט אזא טהאט פערצייכענט אלס אנ'אויסנאהם-פאל. און מיר מוזען דערביי טאקי צו אונזער גרויסער-פרייד אונטערשטרייכען, אז נאך נישט אלץ איז פער'סם'ט.

## עס איז שוין אזא טראדיציע.

אין דער האנדווערקער-שולע ענדיגען יעדעס יאהר עטליכע צעהנדלינג שילער, וועלכע ווערען זעלבסטשטענדיגע בעלי-מלאכות.

ביים שליסען דעם אקט פיהרט זיך שוין מקדמונים איינצוארדנען אזא מיניאטור-באנקעטל, מיט אביסעל משקה ארג"ל.

אויך היי-יאהר, נישט קוקענדיג אויף דעם שווערען קריזיס, וועלכען מיר לעבען אדורך, איז דאס פערענדיגען די שולע דורך צוואנציג שילער פארגעקומען אויף דעמועלבען אויפ'ן ווי אלע יאהר.

די שול-לייטונג האט אפילו לכתחילה דאס מאל געוואלט מוותר זיין פון באנקעט, נאר די שילער האבען זיך געבעטען, אז מען זאל נישט מאכען קיין אויסנאהם. אדרבה—האבען זיי געטענה'ט מען דארף זיך נישט אונטערגעבען דער געדריקטער שטימונג, מיר זענען יונג און מיט אויפגעהויבענע קעפ וועלען מיר אקעגען געהן דעם לעבען און בעווייזען, אז מיר וועלען אלע שוועריגקייטען בעקעמפען.

אויף דעם בעשיידענעם באנקעט האט מען טאקי געהערט רעדעס, וועלכע האבען געמונטערט, געוועקט נישט אריינצופאלען אין קיין דעפרעסיע, נאר וויין הארט אזוי ווי דאס שטאהל, וועלכעס זיי שווייסען א גאנץ יאהר, כדי זיך אקעגענצושטעלען דעם שטורם, וועלכער רוקט זיך אן אויף אונז.

הכלל. אין דער האנדווערקער-שולע האט זיך געפיהרט אזוי ווי אלע יאהר, עס איז שוין אזא טראדיציע.

לויתן

